אַ פּובליקאַציע פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

# דער ייִדישער טעם־טעם

# DER YIDISHER TAM-TAM

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

יאָר 21, נומער 5 (105)    2,50 אייראָ    אָבֿ תשע"ו/אויגוסט 2016




ייִדיש אויפֿן וועב ● ייִדיש פֿאַר אַלע ■ זז' 2-3
נײַע אינטערנעץ־ביבליאָגראַפֿיע ● ניצלעכע אַדרעסן ■ זז' 4-5
שפּראַך־עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען העברעיִש ■ זז' 6-7
צי זענען מיר טאַקע אין גלות? ■ ז' 8
ייִדיש און העברעיִש: שוועסטער־שפּראַכן ■ ז' 9
אַ ייִדישער זינגוואַרשטאַט ■ זז' 10-11

# יִדיש אויפֿן וועב

דער
איצטיקער נומער גייט אַרויס
אין סאַמע מיטן[1] זומער־וואַקאַציעס. אונדזערע
לייענערס זענען — נאָך מער ווי געוויינטלעך[2] — צעזייט
און צעשפּרייט[3] איבער דער גאַנצער וועלט. פֿונדעסטוועגן[4] זענען
מיר מיטאַנאַנדער פֿאַרבונדן און בלײַבן אין קאָנטאַקט, דער עיקר[5] אַ דאַנק
אינטערנעץ. וועבזײַטן[6], בליצפּאָסט[7], פֿייסבוק, טוויטער און נאָך אַ סך אַנדערע
באַשעפֿענישן פֿון דעם מין[8] דערלויבן אונדז צו הערן נײַעס פֿון דער גרויסער וועלט און פֿון
חבֿרים[9]. דאָס איז אויך שייך[10] דער יִדיש־וועלט: מע האָט שוין באַמערקט[11], אַז צווישן אַלע
שפּראַכן וואָס מע קען געפֿינען אויף אינטערנעץ, איז יִדיש באַזונדערש גוט פֿאַרטראָטן[12], אויב מע
נעמט אין באַטראַכט[13] די צאָל מענטשן וואָס רעדן עס. יִדישע לידער, פֿילמען, וויצן, קאָכרעצעפּטן[14],
וויקיפּעדיע־אַרטיקלען, ביכער מיט יִדישע אותיות[15], טראַנסליטערירטע אָדער גאָר רעקאָרדירטע[16],
צײַטשריפֿטן[17] (ווי צום בײַשפּיל דער יִדישער טעם־טעם), פֿאַרווײַלונג[18] און ערנסטע פֿאָרשונג[19]: דאָס
אַלץ און אַ סך מער קען מען געפֿינען אויפֿן וועב. און עס לייגט זיך אויך אויפֿן שׂכל[20] — יִדישלאַנד איז
אַלע מאָל געווען אַ „ווירטועלער" רוים[21], אָן קיין שום טעריטאָריאַלע גרענעצן[22], פּונקט[23] ווי אינטערנעץ.
אין דעם נומער וועט איר געפֿינען אינפֿאָרמאַציעס וועגן אַ פּאָר וועבערטער[24] געווידמעט יִדיש, ווי אויך
טעקסטן אין שײַכות מיט[25] צוויי פֿון די יִדישע שפּראַכן אין די תּפֿוצות[26] — יִדיש און העברעיִש; און, צום
סוף[27], אַ הומאָריסטישן בליק אויף אַן אוניווערסאַלער מענטשלעכער שפּראַך, דער מוזיק, וואָס ניט אַלע
באַהערשן[28] זי אין דער גלײַכער מאָס[29]...

1. en plein milieu/right in the middle 2. d'habitude/usually 3. éparpillés/scattered 4. cependant/however 5. ... IKER avant tout/in particular 6. pages web/web pages 7. e-mail 8. créatures de cette sorte/creatures of that kind 9. KHAVEYRIM amis/friends, *sing.* חבֿר KHAVER 10. ... SHAYEKH ceci concerne également/this also applies to 11. remarqué/noted 12. représenté/represented 13. si l'on considère/if you consider 14. recettes de cuisine/cooking recipes 15. OYSYES caractères/letters, *sing.* אות OS 16. enregistrés/recorded 17. périodiques/periodicals 18. divertissement/entertainment 19. recherche/research 20. ... SEYKHL cela tombe sous le sens/it stands to reason 21. espace/space 22. frontières/borders 23. exactement/exactly 24. sites web/web sites 25. ... SHAYKHES ... en rapport avec/concerning 26. TFUTSES diaspora 27. ... SOF pour terminer/at the end 28. maîtrisent/master 29. dans la même mesure/to the same extent.

# יִדיש פֿאַר אַלע[1]

**מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָבן יִדיש־ליבהאָבערס געקענט אַנטדעקן אַ נײַע פֿייסבוק־גרופּע: „יִדיש פֿאַר נאַראָנים"[2]. הײַנט צו טאָג האָט זיך די גרופּע פֿאַרגרעסערט און געשאַפֿן[3] אַן אייגן וועבאָרט[4]. אויך דער נאָמען האָט זיך געביטן: איצט הייסן זיי „יִדיש פֿאַר אַלע". מיר האָבן געוואָלט זיך דערוויסן מער וועגן זיי, האָבן מיר געכאַפּט אַ שמועס[5] מיט דעם גרינדער[6] פֿון דער גרופּע, שאַרל גאָלדשלאַגער[7].**

**יִדישער טעם־טעם:** איר הייסט „יִדיש פֿאַר אַלע". נו, ווער זײַנען די „אַלע"?

**שאַרל גאָלדשלאַגער:** מיר האָבן 6000 מיטגלידער[8], דאָס רובֿ[9] אין פֿראַנקרײַך און אַנדערע פֿראַנצייזיש רעדנדיקע לענדער (בעלגיע, שווייץ), אַ פּאָר הונדערט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ישׂראל[10], מיזרח[11]־אייראָפּע, בראַזיל, קאַנאַדע... די מערהייט רעדט ווייניק יִדיש, נאָר זיי האָבן אַ סך נאָסטאַלגיע, אַ גרויסן חשק[12] צו הערן מאַמע־לשון[13], צו דערמאָנען זיך אין דער מוזיק, אינעם עסן, צו דערציילן וויצן. זיי שעמען זיך אַרײַנצוגיין אין יִדיש רעדנדיקע אינסטיטוציעס מיט זייער קנאַפּן[14] יִדיש, דערפֿאַר געפֿעלט זיי דער אינטערנעץ. אָבער מיר האָבן אויך גוטע קענערס, און אַפֿילו[15] באַקאַנטע יִדישיסטן. אין אָנהייב האָבן מיר זיך גערופֿן „יִדיש פֿאַר נאַראָנים" — דאָס איז געווען גוט פֿאַר דער רעקלאַמע[16], עס האָט באַפֿרײַט די שעמעוודיקע[17] פֿון קאָמפּלעקסן. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז דאָס איז אַ מאַרקע־נאָמען[18] און מע האָט עס געביטן אויף „יִדיש פֿאַר אַלע".

**יִדישער טעם־טעם:** ווי אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער גאַנצער פּראָיעקט?

**שאַרל גאָלדשלאַגער:** אין 2014 בין איך צום ערשטן מאָל אַרײַן אויף „פֿייסבוק" (דאָס האָט מיך פֿאַרבעטן מײַן שוועסטער) און איך האָב באַלד דערזען אַ מעלדונג[19] „אַ שאָד[20] וואָס מיר שמועסן נישט אויף יִדיש!" איך האָב געענטפֿערט, און נאָך אַ פּאָר טוץ[21] מענטשן זײַנען גלײַך אַרײַן אינעם שמועס. מיט

1. http://www.yiddishpourtous.com 2. "Yiddish pour les nuls"/"Yiddish for Dummies" 3. ont créé/created 4. site web/website 5. nous avons bavardé/had a chat 6. fondateur/founder 7. Charles Goldszlagier 8. membres/members 9. .... ROV la majorité/most of them 10. YISROEL Israël 11. MIZREKH de l'Est/eastern 12. KHEYSHEK envie/desire 13. ...-LOSHN yiddish 14. insuffisant/insufficient 15. AFILE même/even 16. publicité/publicity 17. les timides/those who were shy 18. marque (déposée)/trade mark 19. message 20. dommage/what a shame 21. des douzaines/a few dozen

דרײַ טעג שפּעטער זײַנען שוין געווען 150 מענטשן! דאָס איז געבליבן אַ פֿייסבוק־גרופּע ביז 2016, ווען מיר האָבן געמאַכט אַן אייגן וועבאָרט.

**יִידישער טעם־טעם:** וואָס פֿאַר אַן אַקטיוויטעטן לייגט איר פֿאָר[22]?

**שאַרל גאָלדשלאַגער:** די ערשטע אַקטיוויטעט איז געווען יִידיש־קורסן פֿאַר אָנהייבער. דאָס טוט מען אויף „סקײַפּ" — מיט קליינע גרופּעס, ביז 10 מענטשן. איין קורס איז געווען פֿאַר די וואָס קענען לייענען, נאָר די מערהייט זײַנען אָנהייבערס וואָס ווילן זיך נישט אויסלערנען די יִידישע אותיות[23], דערפֿאַר זײַנען די קורסן מיט לאַטײַנישע[24] אותיות. מיר האָבן יעדן טאָג אויסגעקליבן אַ פּסוק[25] (פֿון יהואשעס[26] תּנך[27]־איבערזעצונג), און דאָס געשריבן דרײַ מאָל: אויף יִדיש (מיט יִדישע אותיות), מיט טראַנסליטעראַציע, און אויף פֿראַנצייזיש. האָט אַ לייענער געפֿרעגט, „פֿאַר וואָס ניט אויף העברעיִש?" האָבן מיר צוגעגעבן העברעיִש. ווען מיר האָבן אַרײַנגעטאָן בילדער, האָט זיך אָנגעמאָלדן[28] אַ ייִד פֿון סאַאָ פּאַולאָ (בראַזיל), אַ מבֿין[29] אויף קונסט[30], און איצט פֿאַרנעמט[31] ער זיך מיט דעם ענין[32]. מע האָט אויך פֿראַגמענטן פֿון ליטעראַטור — קלענערע שטעלן[33], מענטשן זאָלן ניט מורא האָבן[34].

**יִידישער טעם־טעם:** און אַלץ איז טאַקע ווירטועל?

**שאַרל גאָלדשלאַגער:** ניין! איין טאָג האָט עמעצער אונדז געשריבן: אינטערנעץ איז זייער גוט, אָבער קענען מיר זיך אַ מאָל טרעפֿן? מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אַ באַזוך אין מוזיי פֿון „עקאָל דע פּאַרי"[35], נאָך דעם האָט מען געשאַפֿן אַ קינאָקלוב[36]. די באַגעגענישן קומען פֿאָר[37] 5–6 מאָל אַ יאָר, זונטיק, מיט אַ פֿרישטיק (יִדישע מאכלים[38] וואָס מענטשן ברענגען) און אַ מוזיק־פּראָגראַם[39] פֿאַר דעם פֿילם. עס איז אײַנגענעם[40] און זייער פּאָפּולער. לעצטן זומער זײַנען מיר געפֿאָרן אין בריסל[41] צו זען די שאַגאַל־אויסשטעלונג[42]. אין יאַנואַר האָט מען געהאַלטן אַ יִדישן קאַבאַרעט. דעם 30סטן יוני וועט מען מאַכן צום ערשטן מאָל אַ גרויסע שׂימחה[43].

**יִידישער טעם־טעם:** וואָס זײַנען די פּאָפּולערסטע טעמעס? צי האָט מען אַ מאָל טענות[44]?

**שאַרל גאָלדשלאַגער:** די פּאָפּולערסטע זײַנען מוזיק, עסן און... חורבן[45]. ס'איז דאָ מענטשן וואָס ווילן רעדן וועגן די מלחמה[46]־יאָרן און זיך דורכשמועסן מיט אַנדערע וועגן דעם ענין. דאָס איז פֿאַר זיי אַ באַדערפֿעניש[47]. די איינציקע טעמאַטיק וואָס מיר ווילן ניט אָנרירן[48] איז פּאָליטיק. מיר זײַנען אַ קולטורעלע אָרגאַניזאַציע און נעמען נישט קיין פּאָזיציע לגבי[49] פּאָליטישע פֿראַגעס. ווען מיר באַקומען אַזאַ מעלדונג, נעם איך עס אַראָפּ פֿונעם וועבאָרט און (פּריוואַט) דערקלער דעם מענטשן פֿאַר וואָס.

לעצטנס האָבן מיר געהערט טענות וועגן דעם ניוואָ פֿון יִדיש. וועלן מיר פּרוּוון אים אַ ביסל אויפֿהייבן. דעם זומער וועלן מיר פֿאָרלייגן אַ יִדיש־קורס — צוויי וואָכן, אַ שעה[50] יעדן טאָג. איך האָף אַז מיר וועלן קענען ווײַטער אָנגיין אינעם קומענדיקן שוליאָר.




**יִידישער טעם־טעם:** האָט איר נאָך פּלענער אויף דער צוקונפֿט[51]?

**שאַרל גאָלדשלאַגער:** יאָ, איין גאָר נײַע זאַך. דער פֿאָרווערטס[52], וואָס האָט אַ נײַע דירעקטאָרשע, רחל שעכטער[53], וויל פֿאַרגרעסערן די צאָל ווידעאָס אויף זייער וועבאָרט. זיי זײַנען גאָר פּאָפּולער דערפֿאַר וואָס זיי האָבן ענגלישע אונטערשריפֿטן[54]. איך האָב איר פֿאָרגעלייגט אַרויסצוגעבן אַ ווערסיע אויף פֿראַנצייזיש און זי איז געווען מסכּים[55]. האָב איך איבערגעזעצט אַ קאָכלעקציע[56] אויף שבֿועות[57] מיטן טיטל „באַקט קעזקוכן און לערנט זיך אַ ביסל פֿראַנצייזיש!".

**יִידישער טעם־טעם:** דאָס אַלץ זעט מיר אויס אַ גרויסע אַרבעט. איר טוט אַרײַן אין דעם אַ סך שעהען?

**שאַרל גאָלדשלאַגער:** ניין. ניט מער ווי 15–16 שעה אַ טאָג!

22. proposez-vous ?/do you offer? 23. OYSYES lettres/letters 24. latins/Latin 25. POSEK verset/verse 26. YEHO'YESHES de Yehoash/Yehoash's 27. TANA'Kh Bible hébraïque/Hebrew Bible 28. s'est présenté/presented himself 29. MEYVN expert 30. art 31. s'occupe/is in charge of 32. INYEN sujet/subject 33. passages 34. ... MOYRE ... n'aient pas peur/not be afraid 35. École de Paris 36. cinéclub 37. ont lieu/take place 38. MAYKhOLIM spécialités/dishes 39. programme musical/musical program 40. agréable/pleasant 41. Bruxelles/Brussels 42. exposition/exhibition 43. SIMKhE fête/party 44. TAYNES griefs/complaints 45. KhURBN Shoah 46. MILKhOME guerre/war 47. nécessité/need 48. toucher/touch on 49. LEGABE en ce qui concerne/concerning 50. sho heure/hour, *plur.* שעהען SHOEN 51. avenir/future 52. *Forverts* (yiddish.forward.com) 53. ROKhL Rukhl Schaechter 54. sous-titres/subtitles 55. ... MASKIM était d'accord/agreed 56. leçon de cuisine/cooking lesson 57. SHVUES Shavouot/Shavuot.

יִדיש אויפֿן וועב

# אַ נײַע ביבליאָגראַפֿיע אויף אינטערנעץ פֿאַר ייִדיש־ליבהאָבער

פֿון עוולין גרומבערג



יהואש

צי
ווילט איר וויסן
אַ ביסל מער (אָדער)
אַ סך מער) וועגן ייִדישע
שטודיעס אין פֿראַנקרײַך? צי
ווילט איר זיך דערוויסן וואָס פֿאַר
אַ טעקסט איר וואָלט געקענט געפֿינען
וועגן אַ געוויסן ענין[1] אין שײַכות[2] צו
ייִדיש? טאָ גייט אויף אינטערנעץ און
טוט אַ קוק אויף דער וועבזײַט „אין
געוועב"[3]! דאָ וועט איר געפֿינען אַ גאָר
נײַע און ניצלעכע ביבליאָגראַפֿיע וואָס איז
דערשינען דעם 16טן מײַ 2016: נײַסטע
ייִדיש־פֿאָרשונג[4] אויף פֿראַנצייזיש[5]!

מיט דעם שיינעם אויפֿטו[6] האָבן זיך פֿאַרנומען רפֿאל קעניג[7] (האַרוואַרד אוניווערסיטעט, באָסטאָן) און נעמי ניקאָלאַ קויפֿמאַן[8] (סאָרבאָנע־אוניווערסיטעט, פּאַריז). זיי האָבן באַשטימט אַרײַנצונעמען אין דער רשימה[9] נאָר אַקאַדעמישע שריפֿטן וואָס זענען אַרויס בנוגע[10] דער ייִדישער שפּראַך אָדער, אין אַ ברייטערן זינען, דער ייִדישער קולטור: ליטעראַטור, קונסט, געשיכטע, געזעלשאַפֿט[11], א״אַ[12]. אָט די שטודיעס זענען דערשינען אין פֿאָרעם פֿון גאַנצע ביכער אָדער פֿון אַרטיקלען אין ביכער און צײַטשריפֿטן. די ביבליאָגראַפֿיע איז געשריבן אויף ענגליש אָבער די טיטלען פֿון די שטודיעס האָבן די צונויפֿשטעלערס[13] געשריבן אויף ביידע שפּראַכן, ענגליש און פֿראַנצייזיש.

פֿאַרשטייט זיך אַז די צוויי צונויפֿשטעלערס האָבן אויך אַרויסגעגעבן (אין פֿעברואַר 2016) אַן ענלעכע[14] אַרבעט פֿאַר שטודיעס אין ענגליש: The Latest in Yiddish Studies in English: 2014–2015. שפּעטער וועלן זיי זיך אויך פֿאַרנעמען מיט אַנדערע שפּראַכן.

די צוויי וועבזײַטן זענען:

http://ingeveb.org/blog/the-latest-in-yiddish-studies-in-french-2014-2015

http://ingeveb.org/blog/the-latest-in-yiddish-studies-in-english

דאָס דערשײַנען פֿון דער ביבליאָגראַפֿיע איז אַ גוטע געלעגנהייט צו דערמאָנען וואָס איז די וועבזײַט „אין געוועב". די וועבזײַט, געגרינדעט[15] דורך עטאַן קענסקי[16] (ייִדישע ביכער־צענטראַלע[17]) און שאָול נועם זאַריט[18] (וואַשינגטאָן אוניווערסיטעט אין סיינט־לויִס), איז אַ פֿאָרום ווו פֿאָרשער, לערער, איבערזעצער און סתּם[19] מענטשן וואָס ווילן זיך פֿאַרטיפֿן אין פֿאַרשיידענע געביטן[20] פֿון ייִדיש, קענען געפֿינען

אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

1. INYEN sujet/subject 2. SHAYKHES rapport/relation 3. In geveb, *littéralt* dans la toile/*lit*. in the weave, woven together 4. recherche/research 5. The latest Yiddish studies in French 6. exploit 7. Raphael Koenig 8. NOME Naomi Nicolas Kaufman 9. RESHIME liste/list 10. BENEGEYE en ce qui concerne/concerning 11. société/society 12. און אַנדערע 13. rédacteurs/editors 14. similaire/similar 15. fondé/founded 16. Eitan Kensky 17. National Yiddish Book Center (http://www.yiddishbookcenter.org/) 18. Saul Noam Zaritt 19. STAM simplement/simply 20. domaines/domains

# צי קענט איר שוין...?

## אַ קלײנער און װײַט ניט אױסשעפּיקער איבערבליק איבער װעבזײַטן אַרום ייִדיש

### אַלגעמײן

— אַז מע זוכט, געפֿינט מען! Yiddish Online Resources
פֿאַרבינדונגען צו פֿאַרשײדענע װעבזײַטן און דיגיטאַליזירטע טעקסטן
https://sites.google.com/site/onlineyiddishresources

— ייִדישװעב Yiddishweb
דאָס װעבבאָרט פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער
www.yiddishweb.com

— ייִװאָ The YIVO Institute for Jewish Research
http://www.yivo.org

— אין געװעב (זעט ז' 4)
http://ingeveb.org

— ייִדיש פֿאַר אַלע Yiddish pour tous (זעט ז' 2)
www.yiddishpourtous.com

— דער לײענזאַל
leyenzal.org

— פֿאַר פֿאָרשער: ייִדיש־מקורים
yiddish-sources.com

### ייִדישע ביכער אָדער קלאַנג־רעקאָרדירונגען

— די ייִדישע ביכער־צענטראַלע
Steven Spielberg Digital Yiddish Library
National Yiddish Book Center
www.yiddishbookcenter.org

— רעדט מיט מיר ייִדיש! : רפֿאלס ייִדיש װעב־בלעטל
װעבזײַט פֿון רפֿאל פֿינקל (Raphael Finkel), מיט אַ סך
דיגיטאַליזירטע טעקסטן, צװישן אַנדערע אַלע װערק פֿון
שלום־עליכם.
cs.uky.edu/~raphael/yiddish.html

— יודאַיִקאַ עוראָפּעאַנאַ Judaica Europeana
http://www.judaica-europeana.eu

— ראַשעלנעט Rachelnet
www.rachelnet.net

— די ניו־יאָרקער שטאָט־ביבליאָטעק
https://www.nypl.org

— „היברו בוקס"
hebrewbooks.org
דאָס װעבבאָרט איז אין פּרינציפּ געװידמעט העברעיִשע ביכער, נאָר
מע קען דאָרטן אױך געפֿינען עטלעכע פּובליקאַציעס אױף ייִדיש

— גוגל־ביכער
http://google.cat/advanced_book_search

### ייִדישע פּרעסע

— אינדעקס פֿון ייִדישע צײַטשריפֿטן
Index to Yiddish Periodicals
yiddish-periodicals.huji.ac.il

— ייִדישע פּרעסע פֿון אַמאָל Historical Jewish Press
http://web.nli.org.il/sites/JPress

— פֿאָרװערטס
yiddish.forward.com

— דער ייִדישער טעם־טעם
www.yiddishweb.com/altenumern

### ייִדישע לידער

— פֿרידמאַן־אַרכיװ Freedman Jewish sound archive
sceti.library.upenn.edu/freedman

— ייִדליד Yidlid
yidlid.org

— ייִדיש־מוזיק
yiddishmusic.jewniverse.info

— ייִדישע פּאַרטיטורן
loc.gov/collections/yiddish-american-popular-sheet-music

— ייִדיש ליד פֿון דער װאָך Yiddish Song of the Week
https://yiddishsong.wordpress.com

ייִדיש אױפֿן װעב

---

[סוף פֿון ז' 4]

עסײען, אַרטיקלען, לערן־מאַטעריאַל, אָריגינעלע טעקסטן אָדער איבערזעצונגען אױף ענגליש. מע קען אױך אַלײן אָנטײל נעמען און שיקן אַקאַדעמישע אַרטיקלען צי שטודיעס, אָדער זיך דורכשמועסן צװישן ייִדיש־טוער. זײער בלאָג ברענגט אַ סך אינפֿאָרמאַציעס װעגן אַלערלײ אַספּעקטן פֿון דער ייִדישער קולטור.

„אין געװעב" איז אַ פּרעכטיקער נאָמען פֿאַר אַזאַ װעבזײַט: אירע גרינדער האָבן זיך געשפּילט מיטן טיטל פֿון יהואשעס[21] אַ באַנד לידער, אין געװעב. זײ דערקלערן: „געװעב מײנט שטאָף און דער פּאָעט האָט געװאָלט צונױפֿװעבן פֿאַרגאַנגענהײט, הײַנטיקע צײַט און צוקונפֿט פֿון דער ייִדישער קולטור אין זײַנע לידער. אַזױ האָבן מיר געװאָלט טאָן אין אונדזער װעבזײַט". בקיצור[22] — אַ פּראָיעקט װאָס איז אי אַ גײַסטיקער אי אַ װיסנשאַפֿטלעכער. מע קען זיך פֿאַרבינדן מיט דער װעבזײַט אומזיסט:
http://ingeveb.org

21. YEHO'YESHES de/by Yehoyesh (Yehoash-Shloyme Bloomgarten, 1870-1927) 22. BEKITSER bref/in short.

# שפּראַך־עצות[2]
# פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען העברעיִש
## (טייל 2)

פֿון טל חבֿר־כיבאָווסקי[3]

אין דער רובריק[4] „שיבֿעים־לשון" קלײַבן מיר אויס יעדעס מאָל אַן אַנדער שפּראַך און גיבן באַזונדערע שפּראַך־עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען אָט די שפּראַך. אינעם נומער 103 האָבן מיר געגעבן אַ פּאָר כּללים[5] פֿאַרן ריכטיקן אַרויסרעד פֿון די לשון־קודש־שטאַמיקע[6] ווערטער אויף ייִדיש. דאָס מאָל וועלן מיר באַהאַנדלען[7] סעמאַנטישע אונטערשיידן צווישן די דאָזיקע ווערטער און זייערע עקוויוואַלענטן אויף העברעיִש.



„דער בבֿל־טורעם" פֿון מאַטעוס מעריאַן, 1625.

### היט זיך פֿון כלומרשטע פֿרײַנד[8]!

אין אונדזער אַרטיקל אין טעם־טעם 98 („עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען דײַטש") האָבן מיר דעפֿינירט אַ **כלומרשטן פֿרײַנד** ווי „אַ וואָרט אין איין שפּראַך וואָס זעט אויס ענלעך צו (און איז אפֿשר[9] עטימאָלאָגיש פֿאַרבונדן מיט) אַ וואָרט אין אַן אַנדער שפּראַך, נאָר עס האָט גאָר אַן אַנדער באַטײַט[10]". העברעיִש־קענער וואָס לערנען זיך ייִדיש דאַרפֿן זײַן באַזונדערש פֿאָרזיכטיק מיט „כלומרשטע פֿרײַנד", ווײַל מע טרעפֿט זיי זייער אָפֿט. די בעסטע עצה פֿאַר אַלע ייִדיש־לערנערס וואָס קענען העברעיִש (און פֿאַר אַלע ערנסטע ייִדיש־לערנערס בכלל[11]) איז זיך צו פֿאַרשאַפֿן[12] יצחק[13] ניבאָרסקיס ווערטערבוך פֿון לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער אין ייִדיש. פֿוילט זיך נישט[14] און באַניצט זיך סיסטעמאַטיש מיטן דאָזיקן ווערטערבוך בײַם לייענען, אַפֿילו[15] אויב איר קענט שוין דאָס וואָרט אויף העברעיִש. ווי מיר האָבן שוין געהאַט באַמערקט אינעם נומער 103 : די גרעסטע צרה[16] איז נישט דאָס וואָס מע ווייסט נישט, נאָר **וואָס מע ווייסט נישט אַז מע ווייסט נישט**! אינעם איצטיקן אַרטיקל וועלן מיר באַטראַכטן[17] אַ פּאָר גרופּעס פֿון ייִדיש־העברעיִשע כלומרשטע פֿרײַנד.

### פֿיר כלומרשטע פֿרײַנד וואָס הייבן זיך אָן מיט אַן אַלף[18]

די ערגסטע כלומרשטע פֿרײַנד זײַנען ווערטער און אויסדרוקן[19] וואָס האָבן אַן ענלעכן, אָבער נישט דעם זעלבן באַטײַט אויף ביידע שפּראַכן. אָט זײַנען פֿיר בײַשפּילן פֿאַר אַזעלכע כלומרשטע פֿרײַנד וואָס הייבן זיך אָן מיט אַן אַלף.

**אַז**: דער העברעיִשער אַדווערב **אָז**, וואָס באַטײַט אויף העברעיִש „דעמאָלט" אָדער „דערפֿאַר", האָט גאָר נישט צו טאָן מיט דער ייִדישער קאָניונקציע **אַז**, וואָס שטאַמט דווקא[20] פֿונעם גערמאַנישן קאָמפּאָנענט.

**אַ סך**: אויף נאָכתּנכישן[21] העברעיִש געפֿינט מען דאָס וואָרט **סך** אינעם זינען[22] פֿון **סכום**[23] אָדער **חשבון**[24] (ווי אינעם אויסדרוק **סך־הכּל**[25], וואָס האָט דעם זעלבן באַטײַט אויף ביידע שפּראַכן). דער שורש[26] ס״ך איז נאָענט צום שורש סכ״ם, וואָס געפֿינט זיך אין ייִדיש אין אַנדערע ווערטער: ווען צוויי מענטשן גלײַכן זיך אויס[27] אין אַ דיסקוסיע, איז עס ווי זיי וואָלטן ביידע דערגרייכט דעם זעלבן סך־הכּל אין אַ חשבון, און זיי קומען צו אַ **הסכּם**[28], זיי זײַנען **מסכּים**[29] איינער מיטן אַנדערן. אָבער דער ייִדישער

1. shivim-loshn 70 langues (*selon la tradition, toutes les langues du monde*)/70 languages (*in Jewish tradition, all the languages of the world*) 2. eytses conseils/advice 3. Tal Hever-Chybowski 4. rubrique/column 5. klolim règles/rules, *sing.* כּלל klal 6. loshn-koydesh-... d'origine hébraïque et araméenne/of Hebrew and Aramaic origin 7. traiter/treat 8. klo'ymershte ... faux amis/false friends 9. efsher peut-être/perhaps 10. sens/meaning 11. bikhla'l en général/in general 12. se procurer/to procure 13. yitskhok 14. ne soyez pas paresseux/don't be lazy 15. afile même/even 16. tsore problème/problem 17. examiner/consider 18. alef (*la lettre/the letter*) Aleph 19. expressions 20. dafke *ici* en revanche/*here* on the contrary 21. no'khtana'khishn postbiblique/postbiblical 22. sens/meaning 23. skhum somme/sum 24. khezhbm calcul, compte/calculation, account 25. sekhakl total, bilan/sum 26. shoyresh racine (*dans la grammaire hébraïque*)/root (*in Hebrew grammar*), *plur.* שרשים sheroshim 27. s'arrangent/come to an agreement 28. heskem accord/agreement 29. ... maskim ils sont d'accord/they agree

אויסדרוק **אַ סך** באַטײַט עפּעס אַנדערש: **אַ סך** אויף ייִדיש איז אַן אַדיעקטיוו אָדער אַדווערב וואָס מיינט **אין אַ גרויסער אומבאַשטימטער**[30] **צאָל** (אַזוי ווי „הרבה"[31] אויף העברעיִש). ס'איז דאָ אַ סמיכות־הפּרשות[32] צווישן „אַ סך" און „בסך־הכּל"[33], נאָר ס'איז מעגלעך אַז **אַ סך** אויף ייִדיש האָט דווקא אַן אַנדער עטימאָלאָגיע. אַחוץ[34] די נאָכתּנכישע ווערטער מיטן שורש ס"ך, געפֿינען מיר אין תּנך[35] דאָס וואָרט **סך** בלויז איין מאָל (תּהילים מב:ה[36]) מיטן באַטײַט: „אַ גרויסער עולם"[37]. דאָס וואָרט קומט אינעם פּסוק[38] אין פּאַראַלעל צו דעם וואָרט „המון"[39], און די לינגוויסטן זײַנען מסכּים אַז עס האָט גאָרנישט צו טאָן מיטן צווייטן, שפּעטערן סך. עס קען געמאָלט זײַן[40] אַז דער ייִדישער באַניץ[41] פֿון „אַ סך" שטיצט זיך נישט אויפֿן **סך** פֿון **סכום** (וואָס קען זײַן אי גרויס אי קליין), נאָר דווקא אויפֿן דאָזיקן פּסוק, וואָס רעדט וועגן **אַ סך** מענטשן. ווי עס זאָל נישט זײַן, האָט דער דאָזיקער פּסוק געגעבן אויף העברעיִש דעם אויסדרוק „בסָך"[42] („מיטן המון"), וואָס מע באַניצט אין קאָנטעקסטן פֿון פֿרייִלעכע פּאַראַדן[43].

**אַ פּנים**[44]: ווען מע זאָגט „אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע זעט מען אַ פּנים[45]", האָט „אַ פּנים" דעם זעלביקן באַטײַט ווי **פּנים** אויף העברעיִש (נישטאָ קיין אומבאַשטימטע אַרטיקלען אויף העברעיִש). אָבער דער ייִדישער אויסדרוק **אַ פּנים** (אַ מאָל שרײַבט מען אים אין איין וואָרט: **אַפּנים**) קען אויך זײַן אַן אַדווערב וואָס באַטײַט „ווײַזט אויס"[46]. דער אויסדרוק **אַ פּנים**, וואָס דערמאָנט לויט זײַן געבוי[47] אינעם אויסדרוק **אַ סך**, ווײַזט די באַנײַערישע שעפֿערישקייט[48] פֿון ייִדיש, וואָס זײַן לשון־קודשדיקער קאָמפּאָנענט[49] האָט געהאַט אַן אינעווייניקסטע אַנטוויקלונג[50].

**אפֿשר**[51]: דער באַטײַט פֿון **אפֿשר** אויף העברעיִש („מעגלעך", „דערלויבט") איז זייער ענלעך צום באַטײַט אויף ייִדיש („קען זײַן"; „אולי"[52] אויף העברעיִש). אָבער ס'איז דאָ פֿונדעסטוועגן[53] אַ גרויסער חילוק[54]. אין ייִדיש פֿירט **אפֿשר** אַרײַן אַ זאַץ וואָס דריקט אויס אַ היפּאָטעזע; אין העברעיִש איז עס אַן אַדיעקטיוו וואָס זאָגט אַפֿירמאַטיוו, אָן היפּאָטעזעס, אַז עפּעס איז מעגלעך אָדער דערלויבט. דער זאַץ „אפֿשר עסט מען שוין" מיינט „קען זײַן אַז מען עסט שוין", און בשום־אופֿן נישט[55] „מע מעג עסן", ווי מע וואָלט געקענט מיינען לויטן[56] העברעיִשן באַטײַט פֿון **אפֿשר**.

## צווישן גײַסטיק און וועלטלעך

דער לינגוויסט מאַקס ווײַנרײַך[57] האָט געטענהט[58] (זעט נומער 103) אַז דער גײַסטיקער־ייִדישלעכער תּמצית[59] פֿון ייִדיש ליגט אין אירע לשון־קודש־שטאַמיקע עלעמענטן. אַזוי אַרום[60] געהערן אַ סך (אָבער נישט אַלע!) לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער אין ייִדיש צום רעליגיעזן, אָדער גײַסטיקן תּחום[61]. דער קאָנטראַסט מיט די סעקולאַריזירנדיקע טענדענצן פֿון העברעיִש אינעם לעצטן יאָרהונדערט איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אַ ריי כּלומרשטע פֿרײַנד צווישן ייִדישע ווערטער מיט אַ קלאָרן רעליגיעזן זינען און זייערע העברעיִשע וועלטלעכע עקוויוואַלענטן.

למשל[62], אינעם תּחום פֿון טויט: אַן **אָרון**[63] אויף ייִדיש הייסט דעם טויטנס קאַסטן; אויף העברעיִש הייסט אָרון פּשוט[64] אַ „שאַנק", סײַ אַ ביכערשאַנק סײַ גאָר אַ שאַנק אין קיך. **אוהל**[65] איז אויף ייִדיש אַ מאָנומענטאַלע מצבֿה[66] אויף אַ קבֿר[67] (למשל: דער „אוהל־פּרץ" איבערן קבֿר פֿונעם ייִדישן שרײַבער יצחק־לייבוש פּרץ[68], וואָס געפֿינט זיך אויפֿן וואַרשעווער ייִדישן בית־עולם[69]); אויף מאָדערנעם העברעיִש איז **אוהל** נישט מער ווי אַ „געצעלט"[70]. דאָס וואָרט **מיטה**[71] ווערט באַניצט אין ייִדיש בלויז ווי אַ טראָגבעטל פֿאַר אַ טויטן; אויף העברעיִש הייסט **מיטה** אַ נאָרמאַלע בעט.

אפֿשר איז דער סאַמע[72] באַקאַנטסטער כּלומרשטער פֿרײַנד פֿון דעם סאָרט **בטחון**[73], וואָס באַטײַט אויף ייִדיש דער צוטרוי צו גאָט; אויף העברעיִש אין מדינת־ישׂראל[74] הייסט **ביטחון** „זיכערקייט", דער עיקר[75] פֿון אַ מיליטערישער פּערספּעקטיוו. אַן **עמוד**[76] אויף ייִדיש איז אַ שטענדער אין שול[77] פֿאַר וועלכן עס שטייט דער חזן[78] בײַם דאַוונען, בשעת[79] אויף העברעיִש הייסט **עמוד** אַ „זײַל"[80]. ס'איז דאָ נאָך אַ סך אַנדערע בײַשפּילן פֿון דעם מין[81].

אינעם קומענדיקן נומער וועלן מיר באַטראַכטן אַ פּאָר לשון־קודש־שטאַמיקע שרשים וואָס האָבן אַן אַנדער באַטײַט אויף העברעיִש און אויף ייִדיש.

30. indéfini/indefinite 31. HARBE beaucoup (*en hébreu*)/a lot (*in Hebrew*) 32. SMIKHES-HAPARSHES lien/connection 33. BESEKHAKL au total/in all 34. AKHU'TS hormis/aside from 35. TANA'KH Bible hébraïque/Hebrew Bible 36. TILIM … Psaumes 42:5/Psalms 42:5 37. … OYLEM foule nombreuse/throng, crowd 38. POSEK verset/verse, *plur.* פּסוקים PSUKIM 39. HAMO'YN foule, multitude/crowd, multitude 40. c'est bien possible/it's possible 41. emploi/use 42. BASA'KH ensemble, en groupe (*en hébreu*)/as a group, together (*in Hebrew*) 43. défilés/parades 44. A PONEM apparemment, semble-t-il/apparently, seemingly 45. PONEM visage/face 46. apparemment, sans doute/apparently 47. construction 48. créativité/creativity 49. LOSHN-KO'YDESHDIKER … composante hébraïque et araméenne/Hebrew and Aramaic component 50. évolution interne/internal evolution 51. EFSHER peut-être/perhaps 52. ULA'I peut-être (*en hébreu*)/perhaps (*in Hebrew*) 53. néanmoins/nevertheless 54. KHILEK différence 55. BESHU'M OYFN … en aucun cas/absolutely not 56. selon/according to 57. Max Weinreich (1894-1969) 58. GETAYNET soutenu/argued 59. TAMTSES quintessence/essence 60. ainsi/in this way 61. TKHUM domaine/domain 62. LEMOSHL par exemple/for example 63. ORN cercueil/coffin 64. POSHET simplement/simply 65. OYEL monument funéraire/monumental tomb 66. MATSEYVE pierre tombale/tombstone 67. KEYVER tombe/grave 68. Yitskhok-Leybush Peretz (1852-1915) 69. BESOYLEM cimetière/cemetery 70. tente/tent 71. MITE civière où l'on pose un mort/stretcher for a corpse 72. le plus/the most 73. BITOKHN confiance, foi (en Dieu)/trust, faith (in God) 74. MEDINES-YISROEL Israël 75. … IKER spécialement/in particular 76. OMED pupitre du chantre (à la synagogue)/cantor's pulpit 77. synagogue 78. KHAZN chantre/cantor 79. BESHA'S tandis que/whereas 80. colonne/column 81. sorte/sort.

# צי זענען מיר טאַקע[1] אין גלות[2]?

דאָס וואָרט „גלות", וואָס באַטײַט[3] „דאָס וווינען קעגן אײגענעם ווילן מחוץ[4] דעם היימלאַנד", האָט אויף ייִדיש נעגאַטיווע קאָנאָטאַציעס. מע ניצט עס דער עיקר[5] רעדנדיק וועגן דער פֿאַרוואָגלטקייט[6] פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, ווי אויך אין אַ פּאָר פּעיאָראַטיווע אויסדרוקן: „לאַנג ווי דער גלות"[7], „זײַן אין גלות בײַ עמעצן"[8]. אַן אַנדער נעגאַטיווער באַגריף[9] וואָס האָט צו טאָן מיט צעטיילונג און וווינען ווײַט אײנער פֿונעם צווייטן איז „צעזייט און צעשפּרייט"[10]. שלום-עליכם[11] האָט עס גענוצט ווי אַ טיטל פֿון זײַן ערשטער גרויסער דראַמע (1905), וווּ ער באַשרײַבט אַ ייִדישע משפּחה[12] וואָס צעפּאָרט זיך איבער דער וועלט. דאָס וואָרט „צעזייט" (וואָס קומט פֿון „זייען"[13]) דערמאָנט אונדז אינעם אינטערנאַציאָנאַלן באַגריף „דיאַספּאָראַ", וואָס שטאַמט פֿון גריכיש און האָט דעם זעלביקן באַטײַט. צוליב דער דאָזיקער עטימאָלאָגיע קען מען אין ביידע ווערטער זען אויך אַ פּאָזיטיוון אַספּעקט פֿון „פּרוכפּערן און מערן זיך"[14] אין עטלעכע ערטער אויף איין מאָל.

בײַם סוף[15] פֿונעם 19טן יאָרהונדערט האָט זיך אין אַשכּנז[16] אַנטוויקלט[17] אַ גאַנצע דיאַספּאָריסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס מע רופֿט אָן די „דאָיִקייט"[18], און וואָס איר הויפּט-פֿאָרשטייער[19] איז די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי בונד[20]. דער געדאַנק איז געווען ניט צו זוכן ערגעץ אַנדערש אַ רעטונגסאָרט[21] צי אַן אײגענע מלוכה[22] פֿאַר די מיזרח[23]-אײראָפּעיִשע ייִדן, נאָר צו דערגרייכן אַ נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע[24] דאָרטן וווּ מע וווינט.

די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג פֿונעם באַגריף „ייִדישלאַנד" — אַ גײַסטיקע[25] טעריטאָריע, וואָס איז ניט צוגעבונדן צו קיין געאָגראַפֿיש אָרט, נאָר צו שפּראַך און קולטור, איז אויך אַרויסגעוואַקסן פֿונעם געדאַנק פֿון אַ קאָלעקטיווער דיאַספּאָרישער אידענטיטעט.

אין אונדזערע צײַטן, ווען ס'איז דאָ אַן אַלוועלטלעכע[26] טענדענץ אָפּצושאַפֿן[27] שטײַפֿע ראַמען און גרענעצן, ווי אויך מערער צו האַלטן פֿון[28] דעצענטראַליזאַציע און איבערנאַציאָנאַלע פֿאַרבינדונגען, איז דער באַגריף פֿון דיאַספּאָראַ (וואָס זײַן ייִדישער עקוויוואַלענט איז „תּפֿוצות"[29]) געוואָרן זייער פּאָפּולער אויף פֿאַרשיידענע געביטן[30] און האָט געקראָגן אַ פּאָזיטיוון באַטײַט.

די פֿראַגע פֿון די תּפֿוצותדיקע אַספּעקטן אין דער מאָדערנער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור איז לעצטנס באַהאַנדלט[31] געוואָרן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ „ליטעראַרישע דיאַספּאָראַס אין אַשכּנז" (פּאַריז, דעם 13טן און 14טן יוני 2016). די אָרגאַניזאַטאָרן, שרון בר-כּוכבֿא[32] פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר מיזרחדיקע שפּראַכן[33] און טל חבֿר-כיבאָווסקי[34] פֿונעם פּאַריזער ייִדיש-צענטער, האָבן פֿאָרגעלייגט[35] די פֿאַראינטערעסירטע פֿאָרשער[36] צו געבן אַן אַרײַנקלער[37] אין דער טעאָריע און פֿאָרשטעלונגען[38] פֿון תּפֿוצות אין די אָ צוויי ליטעראַטורן, פֿון דער צײַט פֿון דער השׂכּלה[39] ביז הײַנט. די קאָנפֿערענץ האָט דערעפֿנט דניאל באָיאַרין[40], אַ באַוווּסטער גמרא[41]-ספּעציאַליסט, וואָס האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן דאָס בוך דאָס אַרומוואַנדערנדיקע היימלאַנד: תּלמוד-בבֿלי ווי אַ דיאַספּאָראַ[42]. עס האָבן זיך באַטייליקט מיט רעפֿעראַטן[43] זיבעצן פֿאָרשער פֿון זיבן לענדער. צום סוף האָט מען געפּראַוועט[44] דאָס דערשײַנען פֿון אַ נײַער צײַטשריפֿט געווידמעט דעם תּפֿוצותדיקן[45] העברעיִש, מכאן ואילך[46] (זעט ז' 9).

1. vraiment/really 2. GOLES exil/exile 3. signifie/means 4. MIKHU'TS en dehors de/outside of 5. … IKER surtout/principally 6. errance/exile 7. interminable 8. subir les brimades de/be opressed by 9. terme/term 10. éparpillés/scattered 11. SHOLEM-ALEYKhEM (1859-1916) 12. MISHPOKhE famille/family 13. semer/sow 14. être fécond et se multiplier/be fruitful and multiply 15. SOF fin/end 16. A'ShKENAZ Ashkénaz, Europe centrale et orientale/Ashkenaz, Central and Eastern Europe 17. développé/developed 18. "l'être ici"/"hereness" 19. représentant principal/main representative 20. Bund 21. refuge 22. MELUKhE État/state 23. MIZREKh de l'Est/Eastern 24. autonomie/autonomy 25. spirituel/spiritual 26. mondial/global 27. abolir/abolish 28. apprécier/appreciate 29. TFUTSES diaspora 30. domaines/fields 31. traité/treated 32. Sharon Bar-Kochva 33. … MI'ZREKhDIKE … INALCO 34. Tal Hever-Chybowski 35. proposé/proposed 36. chercheurs/researchers 37. réflexion/reflection 38. représentations 39. HASKOLE Lumières juives/Jewish Enlightenment 40. Daniel Boyarin 41. GEMORE Talmud 42. … TALMUD-BAVLI … *A Traveling Homeland: The Babylonian Talmud as Diaspora* 43. conférences/papers 44. célébré/celebrated 45. TFU'TSESDIKN diasporique/diasporic 46. MIKA'N-VEEYLA'Kh *hébr.* à partir de maintenant, à partir d'ici/*Hebr.* from now on, from here on.

## דיאַספּאָרישער גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| דאָס/דער גלות [GOLES] | exil, diaspora/exile, diaspora |
| תּפֿוצות [TFUTSES] | diaspora |
| תּפֿוצות-ישׂראל [TFUTSES-YISROEL] | diaspora juive/the Jewish diaspora |
| די מלוכה (—ות) [MELUKhE] | royaume, État/kingdom, state |
| די גרענעץ (ן) | frontière/border |
| דאָס היימלאַנד | patrie, pays natal/homeland |
| דאָס ייִ'דישלאַנד | Yiddishland |
| די דאָ'יִקייט | l'être ici/hereness |
| די היים (ען) | maison, foyer, chez soi/home |
| די פֿרעמד | terre étrangère/foreign land |
| וואַנדערן (געוואַנדערט) | errer, migrer/wander, migrate |
| וואָגלען (געוואָגלט) | mener une vie d'errance/wander |
| פֿאַרוואָגלט | en exil/far from home, wandering |
| נע-ונד [NA-VENA'D] | sans feu ni lieu/wandering, homeless |
| צעזיי'ט און צעשפּריי'ט | dispersé, disséminé/scattered |
| פֿאַרשפּריי'ט | répandu, diffusé/widespread |
| דאָיִק | local, d'ici/local |
| היימיש | familier/familiar |
| אויטאָנאָ'ם | autonome/autonomous |
| אייגן (איי'גענע) | propre, à soi/one's own |
| אַ'לוועלטלעך | universel, mondial/universal, global |

# יִידיש און העברעיִש: שוועסטער־שפּראַכן

אין יוני 2016 איז אַרויס דער ערשטער נומער פֿון מכאן ואילך[1], אַ צײַטשריפֿט געווידמעט דעם תּפֿוצותדיקן[2] העברעיִש. ער נעמט אַרום[3] עסייען, לידער און פּראָזע פֿון היַינטצײַטיקע און אַמאָליקע מחברים[4], סײַ אָריגינעלע טעקסטן, סײַ[5] איבערזעצונגען פֿון אַנדערע שפּראַכן. די צײַטשריפֿט איז אויף העברעיִש, נאָר דער לייענער וועט דאָרטן אַנטדעקן אַ סך שײַכותן[6] צו יִידיש...

מיר זענען שוין צוגעווױנט צו דעם געדאַנק אַז יִידיש איז אַ תּפֿוצותדיקע שפּראַך, וואָס איז ניט צוגעבונדן צו קיין לאַנד, און אַזוי אַרום[7] איז עס אויך אַ וועלטשפּראַך און אַ וועלט־ליטעראַטור. דער רעדאַקטאָר[8] פֿון מכאן ואילך, טל חבֿר־כיבאָווסקי[9] (וואָס איז אויך דער דירעקטאָר פֿונעם פּאַריזער יִידיש־צענטער) דערקלערט אין דעם אַרײַנפֿיר אַז העברעיִש און יִידיש זענען צוויי שוועסטער־שפּראַכן אין אַשכּנז[10]. זיי האָבן געלעבט צוזאַמען אַ טויזנט יאָר און געהאַט אַ בשותּפֿותדיקן גורל[11]. פֿונעם 19טן יאָרהונדערט אָן, ווי אַ קאָנסעקווענץ פֿון יִדישע מיגראַציעס, האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער אַ ריזיקן געאָגראַפֿישן שטח[12]. ביידע ליטעראַטורן האָבן געהאַט איין „טאַטן": דער גרויסער קלאַסיקער מענדעלע מוכר־ספֿרים[13] ווערט באַטראַכט[14] ניט נאָר ווי דער גרינדער[15] פֿון דער מאָדערנער יִדישער ליטעראַרישער שפּראַך, נאָר אויך פֿון דער העברעיִשער. זיי האָבן לאַנג געהאַט די זעלביקע שרײַבערס און די זעלביקע לייענערס, אויף אַזוי ווײַט אַז[16] דער ליטעראַטור־קריטיקער בעל־מחשבֿות[17] האָט אַ מאָל געזאָגט „צוויי שפּראַכן — איין איינציקע ליטעראַטור".

דער טיטל מכאן ואילך איז פֿילטײַטשיק[18]. ס'איז אַ העברעיִשער אויסדרוק[19] וואָס מיינט „פֿון איצט אָן", נאָר אויך „פֿון דאַנען אויף ווײַטער". דער דאָזיקער געדאַנק פֿון אומבאַגרענעצטער פֿאַרשפּרייטונג[20] אין צײַט און רוים[21], וואָס באַהאַלט אין זיך אַ שטאַרקן פּאָטענציעל, שפּיגלט אָפּ[22] די קאָנצעפּציע פֿון דער צײַטשריפֿט. אויך דעם אויסדרוק „עבֿרית עולמית"[23] אינעם אונטערטיטל קען מען פֿאַרשטיין אין ביידע קאַטעגאָריעס, פֿון אָרט און צײַט: ווי „וועלט־העברעיִש" (אָדער „תּפֿוצותדיק העברעיִש") און „אייביק העברעיִש".

מכאן ואילך ווערט אַרויסגעגעבן דורכן פֿאַרלאַג[24] „מעדעם־ביבליאָטעק" פֿונעם פּאַריזער יִדיש־צענטער, וואָס איז טאַקע עמבלעמאַטיש פֿאַר די פֿאַרבינדונגען צווישן ביידע שפּראַכן און ליטעראַטורן. ווי עס שרײַבט דער רעדאַקטאָר: „אַזוי ווי די פּיאָנירישע[25] צײַטשריפֿט אויף יִדיש, קול־מבֿשׂר[26], איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1862 ווי אַ בײַלאַגע[27] צו דער העברעיִשער צײַטשריפֿט המליץ[28], איז עס נישט קיין צופֿאַל אַז די העברעיִשע צײַטשריפֿט מכאן ואילך האָט געפֿונען איר היים דווקא[29] אין אַ יִדישן פֿאַרלאַג". נאָר — ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ תּפֿוצותדיקער פּובליקאַציע — ווערט די צײַטשריפֿט אַרויסגעגעבן




גלײַכצײַטיק אין צוויי ערטער: פּאַריז און בערלין. פֿאַר וואָס בערלין? ערשטנס, עס וווינען דאָרטן עטלעכע מיטאַרבעטער פֿון מכאן ואילך; צווייטנס, האָט עס אויך אַ סימבאָלישן באַטײַט: בערלין איז געווען אַ וויכטיקער צענטער פֿון דער העברעיִשער (און יִדישער) ליטעראַטור ערבֿ[30] דער נאַצישער תּקופֿה[31] און דער פֿילאָסאָף שמעון ראַווידאָוויטש[32] האָט דאָרטן געגרינדט דעם „ברית עברית עולמית"[33] אין 1931.
אויב איר קענט העברעיִש, לייענט!

1. MIKA'N-VEEYLA'Kh *hébr.* à partir de maintenant, à partir d'ici/*Hebr.* from now on, from here on 2. TFU'TSESDIKN diasporique/diasporic 3. inclut/includes 4. .MEKhABRIM auteurs/authors, *sing.* מחבר MEKhABER 5. סײַ ...סײַ à la fois ... et/both... and 6. ShA'YKhESN liens/relationships 7. ainsi/thus 8. rédacteur en chef/editor 9. Tal Hever-Chybowski 10. A'ShKENAZ Ashkénaz, Europe centrale et orientale/Ashkenaz, Central and Eastern Europe 11. BE-ShU'TFESDIKN GOYRL destin commun/common fate 12. ShETEKh étendue/area 13. Mendele Moykher-Sforim (1836-1917) 14. est considéré/is considered 15. fondateur/founder 16. au point que/to such an extent that 17. BAL-MAKhShOVES *littéralt* "penseur"/*lit.* "Man of Thoughts", pseud. de/of Isidor (Yisroel) Eliashev (1873-1924) 18. polysémique/has multiple meanings 19. expression 20. propagation illimitée/unlimited spread 21. espace/space 22. reflète/reflects 23. IVRI'T OLAMI'T *hébr.* hébreu diasporique *ou* mondial/*Hebr.* diasporic *or* world Hebrew 24. maison d'édition/publishing house 25. pionnier/pioneer 26. *Kol-mevaser*, "voix annonciatrice", premier périodique yiddish moderne (Odessa, 1862-1878)/"The Herald", first modern Yiddish periodical (Odessa, 1862-1878) 27. supplément 28. *Hamelits*, "le défenseur", premier périodique hébraïque en Russie/"The Defender", first modern Hebrew periodical in Russia 29. DAFKE justement/precisely 30. EREV à la veille de/on the eve of 31. TKUFE époque/period 32. ShIMEN Simon Rawidowicz (1896-1957) 33. BRIT IVRI'T OLAMI'T *hébr.*, *littéralt* Union hébraïque mondiale, Union pour la langue et la culture hébraïques/*hebr.*, *lit.* World Hebrew Union, World Association for Hebrew Language and Culture.

דאָריס ענגעל, וואָס האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געדרוקט אינעם ייִדישן טעם־טעם, האָט לעצטנס[1] אַרויסגעגעבן צוויי ביכער אויף פֿראַנצייזיש. דאָס ערשטע, וואָס זי האָט אָנגעשריבן אונטערן פּסעוודאָנים[2] אַנעט פֿערן, איז אַ דעטעקטיוון־ראָמאַן[3] מיטן טיטל זאָג ווידוי, שמעון־לוי[4]. דער סיפּור־המעשׂה[5], פֿול מיט הומאָר, שפּילט זיך אָפּ[6] אין דער שטאָט שטראַסבורג (וואָס אין איר וווינט אויך די מחברטע[7]), אין אַ ייִדיש־פֿראַנצייזישער סבֿיבֿה[8] ווו עלזאַסיש[9] מישט זיך צונויף מיט מערבֿ[10]־ און מיזרח[11]־ייִדיש. דאָס צווייטע בוך האָט זי איבערגעזעצט צוזאַמען מיט איר שוועסטער, דער ייִדיש־זינגערין אַסטריד רוף: עס איז אַ באַנד שלום־עליכמס[12] דערציילונגען וואָס האָבן אַ שײַכות[13] מיט יום־טובֿים[14]. אונדז האָט זי צוגעשיקט אַ טעקסט אויף ייִדיש וועגן אירע דערפֿאַרונגען אין אַ זינגוואַרשטאַט[15].

# אַ ייִדישער זינגוואַרשטאַט

## פֿון דאָריס ענגעל



וואָס איז דאָס, אַ ייִדישער זינגוואַרשטאַט? איך האָב געפֿונען אַ דעפֿיניציע: ס'איז אַן אָרט ווו מענטשן וואָס קענען נישט קיין ייִדיש און וואָס קענען נישט זינגען, זינגען אויף ייִדיש.

פֿאַר מיר אַליין איז די דעפֿיניציע נישט אין גאַנצן צוגעפּאַסט[16] — איך קען שוין גוט ייִדיש, איך האָב אָנגעהויבן זיך צו לערנען די שפּראַך ווען מײַן מיזינקע[17] איז געבוירן געוואָרן... מיט 28 יאָר צוריק. קען איך לייענען טעקסטן, רעדן (מיט אַ שרעקלעכן פֿראַנצייזישן אַקצענט) און אַפֿילו[18] לערנען אַנדערע. איך קען אָבער גאָר נישט זינגען.

מײַן נישט קענען מוזיק האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ סך יאָרן צוריק... איך בין זעקס יאָר אַלט, איך גיי דורך די קאָרידאָרן פֿון קאָנסערוואַטאָריע, אַ קליינע טעקע[19] אין האַנט. אין דער טעקע ליגן מײַנע פּיאַנע־געניטונגען[20] וואָס איך האָב נישט געמאַכט. איך פֿיל זיך שטאַרק שולדיק[21]. אַ יאָר שפּעטער זיפֿצט[22] מײַן פּיאַנע־לערערקע, אַן אַלטע פֿרוי (אַזוי האָט זי אויסגעזען אין מײַנע קינדערשע אויגן): „דאָריס האָט אַ גוטן שׂכל[23], נאָר אירע פֿינגער...". מע באַשליסט[24] צו ענדיקן מיט די לעקציעס. אויף דער לעצטער לעקציע בעט די מאַמע בײַ דער לערערקע, זי זאָל שפּילן אַ ניגון[25] וואָס איך האָב זיך קיין מאָל נישט אויסגעלערנט. די לערערקע שפּילט, די מאַמע וויינט, איך קוק אויף איר פֿאַרחידושט[26]...

בײַ אונדז אין דער משפּחה[27] האָט יעדע איינע איר ראָלע[28]: איך בין די אינטעליגענטקע און מײַן שוועסטער איז די קינסטלע־רין[29]. איך לערן זיך, זי טאַנצט, שפּילט גיטאַרע און זינגט.

אַלץ איז געגאַנגען גוט און שיין ביז מײַן שוועסטער בעט מיך אַ טאָג, איך זאָל אָנטייל נעמען[30] אין אַ ייִדישן זינגוואַרשטאַט. אוי, פֿאַר וואָס האָב איך צוגעשטימט?

פֿאַר מיר איז גרינג ווען איך דאַרף עמעצן דערקלערן וואָס פֿאַר אַ שפּראַך איז ייִדיש, אָדער אַז מע דאַרף נישט זאָגן „עס גיבט" ווי אויף דײַטש, נאָר „ס'איז דאָ". אָבער ווען עס קומט צו זינגען, איז עס אַן אַנדער מעשׂה[31]: איך האָב נישט קיין שטים, דאָס קול[32] בלײַבט מיר פֿאַרשטיקט[33] אין גאָרגל[34]; דערצו הער איך נישט וואָס איך זינג און וואָס די אַנדערע זינגען, איך פֿאַרגעס די ניגונים...

מײַן שוועסטער גיט אונדז געניטונגען: „מאָ, מאָ, מאָ, מאָ, מאָ, מאָ" אַרויפֿ־ און אַראָפּזינגענדיק. איך זינג צוזאַמען מיט די אַנדערע, ניט ווויסנדיק, צי מע גייט אַרויף צי אַראָפּ. זי בעט בײַ אונדז, מיר זאָלן „אַריבערגיין איבער דער נאָטע"[35], און מאַכט אַ זשעסט מיט דער האַנט — איך פֿאַרשטיי נישט וואָס זי מיינט. אונדזער באַגלייטער[36], זייער אַ גוטער אַקאָרדעאָניסט, זאָגט: „איר הייבט אָן נישט צוזאַמען, איר גייט אַראָפּ" — איך האָב גאָרנישט באַמערקט... מײַן שוועסטער און דער אַקאָרדעאָניסט שמועסן: „ס'איז צו הויך, מיר וועלן זינגען אַ האַלבן טאָן[37] נידעריקער" — איך הער נישט דעם אונטערשייד[38]. מײַן שוועסטער פֿרעגט: „פֿאַר וואָס זינגסטו פּלוצלינג[39] די צווייטע שטים?" — אַזוי גאָר? איך האָב נישט געוווּסט...

און די אַנדערע? די אַנדערע זינגען „מאָ, מאָ, מאָ, מאָ, מאָ, מאָ" מיט התלהבֿות[40]. עלזאַ, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט גע־לערנט מוזיק, זינגט פּרעכטיק[41] סאָלאָ; קאַראָלין פֿרעגט: „פֿאַר

1. récemment/recently 2. pseudonyme/pen name 3. roman policier/mystery novel 4. ... VIDE, SHIMEN-LEVI Annette Fern, *Fais ta prière, Shimon Lévy* 5. SIPER-HAMAYSE intrigue/plot 6. se déroule/takes place 7. MEKHA'BERTE auteure/author (*fem.*) 8. SVIVE milieu 9. alsacien/Alsatian (*language*) 10. MAYREV occidental/western 11. MIZREKH oriental/eastern 12. SHOLEM-ALEYKHEMS *Au fil des fêtes*, de/by Sholem-Aleykhem (1859-1916) 13. SHAYKHES rapport/relation 14. YONTOYVIM fêtes juives/Jewish holidays, *sing.* יום־טובֿ YONTEV 15. atelier chant/singing workshop 16. adapté/suitable 17. fille cadette/youngest daughter 18. AFILE même/even 19. cartable/briefcase 20. exercices de piano/piano exercises 21. coupable/guilty 22. soupire/sighs 23. SEYKHL intelligence/brains 24. on décide/they decide 25. NIGN mélodie/melody 26. FARKHIDESHT étonnée/surprised 27. MISHPOKHE famille/family 28. rôle 29. artiste (*fém.*)/artist (*fem.*) 30. participer/take part 31. MAYSE histoire/story 32. KOL voix/voice 33. étouffé/stifled 34. gorge/throat 35. passer par-dessus la note/to go over the note 36. accompagnateur/accompanist 37. ton/note 38. différence 39. tout à coup/suddenly 40. HISLAYVES enthousiasme/enthusiasm 41. superbement/magnificently

וואָס זינגען מיר נישט אַקוראַט[42] וואָס עס שטייט געשריבן אויף דער פּאַרטיטור[43]?". ווי אַזוי ווייס זי דאָס?
ייִדיש איז פֿול מיט קאָנסאָנאַנטן[44] וואָס מע דאַרף זינגען. פֿאַר מײַן שוועסטער און פֿאַר די אַנדערע איז דאָס גרינג, פֿאַר מיר איז עס אוממעגלעך, איך האָב דעם אײַנדרוק אַז איך קײַ[45] אַ בולבע, איך שטאַמל... פּרוּווט זינגען „טל", „דל", „כט", „כטל", וועט איר זען וואָס דאָס הייסט.
ענדלעך קען איך די ניגונים, אָבער נישט די ווערטער. „איר דאַרפֿט אַלץ קענען אויף אויסנווייניק[46]" — פֿאָדערט[47] מײַן שוועסטער.
וויי איז מיר[48], איך האָב נישט קיין ברירה[49], איך מוז זיך לערנען די ווערטער!
איך פֿאָר פֿאַרברענגען עטלעכע טעג אין מײַן עלזאַסער דאַטשע[50] מיט מײַן העפֿט, און איך חזר איבער[51] די ווערטער. איך הייב אָן מיט דעם וויגליד[52] „דאָס לידל פֿון גאָלדענעם לאַנד". עס איז שווער, אַלע שורות[53] זענען ענלעך און איך פֿאַרמיש אַלץ:

*און הער איך דאָס לידל, דאַן שוועבט פֿאַר מיר[54] באַלד*
*מײַן טײַערע מאַמע, איר ליבלעך געשטאַלט[55],*
*איר האַרציקער שמייכל* (פּרוּווט זינגען „כל"),
*איר צערטלעכער[56] בליק* (פּרוּווט זינגען „רטל"),
*זיי וועקן מיר אויף מײַן פֿאַרגאַנגענעם גליק.*

די ווײַטערדיקע סטראָפֿע[57] הייבט זיך אָן מיט די זעלביקע ווערטער:

*און הער איך דאָס לידל, דערזע איך, אָט שטייט*
*מײַן מאַמע, זי מאַכט מיר מײַן וויגעלע[58] גרייט,*
*און כ'פֿיל אויף מײַן שטערן איר דאַרינקע[59] האַנט* (פּרוּווט זינגען „כפֿ", „שט" און „רן"),
*זי זינגט מיר דאָס לידל פֿון גאָלדענעם לאַנד.*

אין די קומענדיקע סטראָפֿעס אויך אַזוי (דער מחבר[60] טוט עס אויף צו להכעיס[61]):

*און הער איך דאָס לידל, דאָס זיסע געזאַנג,*
*דאָ ווערט אויפֿן האַרץ אַזוי אומעטיק באַנג[62]*
*און ס'ווילט זיך, ווי די מאַמע, מיט האַרץ און געפֿיל*
*דאָס לידל מיר זינגען – אוי, שפּיל עס מיר, שפּיל!*

איר פֿאַרשטייט די שוועריקייט[63]? אַלע סטראָפֿעס הייבן זיך אָן מיט די זעלביקע ווערטער, אַלע מאָל איז דאָ די מאַמע וואָס אָדער זי „שוועבט" אָדער זי „שטייט" אָדער זי „מאַכט דאָס וויגעלע גרייט" — וואָרעם די ייִדישע שרײַבער דערמאָנען זיך וואָס איז געשען ווען זיי זײַנען געבוירן געוואָרן (עטלעכע דערמאָנען זיך אַפֿילו וואָס איז געשען ווען זיי זײַנען נאָך געווען אין דער מאַמעס בויך).



אוי! אַז מע רעדט שוין וועגן דעם וויגעלע — איך האָב אין גאַנצן פֿאַרגעסן די סטראָפֿע ווו דאָס וויגעלע „הוידעט זיך"[64]! ווו איז די דאָזיקע סטראָפֿע און ווי הייבט זי זיך אָן? דאַרף איך נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן אין דער העפֿט און זינגען נאָך אַ מאָל „און הער איך דאָס לידל"!
אַ פּראָבע[65]. די אַנדערע קענען דאָס ליד אויף אויסנווייניק, האָבן נישט קיין טעות[66], פֿאַרמישן נישט די סטראָפֿעס. איך וואָלט געוואָלט וואַרטן מיטן זינגען ביז די אַנדערע האָבן אָנגעהויבן, נאָר דער באַגלייטער מאָנט[67]: „יעדער איינער דאַרף קענען די ווערטער און זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף[68] די אַנדערע!". איך פֿיל זיך גאָר נישט גרייט. די פֿאָרשטעלונג[69] דערנענטערט זיך. נאָר צוויי וואָכן!
די לידער פֿאַרפֿאָלגן[70] מיך אין דער נאַכט, לאָזן מיך נישט שלאָפֿן (אַ וויגליד וואָס לאָזט נישט שלאָפֿן — אַ חידוש[71]!). מער ווי אַלע אַנדערע שטערט מיר „מאָטל דער אַפּרייטאָר"[72] וואָס „דרייט די קאַטערינקע"[73] און „שוויצט בײַ דער מאַשינקע"[74]. ער אַרבעט און אַרבעט און די מאַשינקע שפּילט אין מײַן קאָפּ טאָג און נאַכט. מאָטל נעבעך[75]! ער פֿאַרדינט קוים אויף צו שפּײַזן[76] ווײַב און קינדער, דערצו הייבט זיך אָן אַ שטרײַק[77] און...

*אַ גענגסטער מיט אַ באָטל[78]*
*באַפֿאַלן[79] האָט אים דאָרט אין מיטן גאַס.*
*מיטן פֿלאַש וואָס ער'ט[80] געהאַלטן*
*האָט ער מאָטלס קאָפּ צעשפּאָלטן[81]* (פּרוּווט זינגען „לן", „טלס", „שפּ" און „לטן")...

מאָטלס קאָפּ איז צעשפּאָלטן און מײַן קאָפּ איז אויך צעשפּאָלטן, איך דריי זיך אין בעט, איך שוויץ און קען נישט אײַנשלאָפֿן.
און איצט קומט די פֿאָרשטעלונג, איך זינג מיט דעם כאָר[82], איך ווייס נישט וואָס איך זינג — נאָר זינגען זינג איך פֿאָרט[83]...
איך האָב נישט קיין טעות, דער עולם[84] איז אויסער זיך[85], מײַן שוועסטער איז זייער צופֿרידן, און אַפֿילו אונדזער אַקאָרדעאָניסט מוז צוגעבן[86] זיפֿצנדיק: „איר הייבט אָן די לידער נישט צוזאַמען און איר גייט אַראָפּ, אָבער ס'איז נישט צו שלעכט".

42. exactement/exactly 43. partition/score 44. consonnes/consonnants 45. mâche/chew 46. par cœur/by heart 47. exige/demands 48. aïe aïe aïe/woe is me 49. ... BREYRE pas le choix/no choice 50. maison d'été/summer home 51. KhAZER ... révise/repeat 52. berceuse/lullaby 53. ShURES lignes/lines 54. *ici* m'apparaît/*here* appears before me 55. image 56. tendre/tender 57. strophe/stanza 58. mon petit berceau/my little cradle 59. maigre (*dim.*)/thin (*dim.*) 60. MEKhABER auteur/author 61. ... TSELOKHES pour nous contrarier/out of spite 62. j'ai le cœur lourd/lonely and sorrowful 63. difficulté/difficulty 64. se balance/swings 65. répétition/rehearsal 66. ... TOES ne se trompent pas/don't make any mistake 67. exige/demands 68. compter sur/rely on 69. spectacle/show 70. poursuivent/persecute 71. ... KhIDESh c'est surprenant/it's amazing 72. "Motl, ouvrier opérateur"/"Motl the operator" 73. tourne la manivelle/turns the handle 74. sue à la machine/sweats at the machine 75. le pauvre/poor 76. nourrir/feed 77. grève/strike 78. bouteille (*en anglais*)/bottle 79. attaqué/attacked 80. ער האָט 81. fendu/split 82. chorale/chorus 83. mais je chante quand même/I sing all the same 84. OYLEM public/audience 85. ravi/delighted 86. admettre/admit.

דער ייִדישער **DER YIDISHER**

# טעם־טעם
# TAM-TAM

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנער

דער ייִדישער טעם־טעם איז אַ פּובליקאַציע פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק.

*Der yidisher tam-tam* est une publication de la Maison de la culture yiddish – Bibliothèque Medem.

## רעדאַקציע

**רעדאַקציע־קאָלעגיע**
עוועלין גרומבערג
רובי מאָנעט
נאַטאַליע קריניצקאַ

**מיטאַרבעטער אין דעם נומער**
אַקווילע גריגאָראַוויטשיוטע
טל חבֿר־כיבאָווסקי (אויסשטעל־פּראָיעקט)
יצחק ניבאָרסקי (שפּראַך־השגחה)
מאַרי פּרימאָ (אויסשטעל)

## Rédaction

**Comité de rédaction**
Evelyne Grumberg
Natalia Krynicka
Rubye Monet

**Ont collaboré à ce numéro**
Tal Hever-Chybowski (maquettiste)
Akvilė Grigoravičiūtė
Yitskhok Niborski (responsable linguistique)
Marie Primault (graphiste)

**Der yidisher tam-tam**
Maison de la culture yiddish – Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris

Tél. : +33(0)1 47 00 14 00

yiddishweb.com/tamtam
tamtam@yiddishweb.com

פּרײַז: 2,50 אײראָ
PRIX/PRICE : 2,50 €




דער ייִדישער טעם־טעם איז אַן אײַן־און־אײנציקע פּובליקאַציע אין גאַנצן געווידמעט ייִדיש־לערנערס, וואָס גייט אַרויס אָן פּראָפֿיט־צוועקן. מיר בעטן אײַער אונטערשטיצונג!

מיר פֿאַרבעטן אײַך
– זיך צו אַבאָנירן אויף: yiddishweb.com/abonirn
– צו קויפֿן אַלטע נומערן אויף: yiddishweb.com/altenumern
– צו שיקן אַ צושטײַער אויף: yiddishweb.com/matone
– צו דערציילן אײַערע חבֿרים, לערערס און תּלמידים וועגן דעם ייִדישן טעם־טעם!

מיר דאַנקען אײַך גאָר האַרציק!
די רעדאַקציע